# דברים

א. אין סיום הסדרה דערציילט משה רבינו אַז ער האָט געגעבן צו בני ראובן און בני גד [1] „מערער אשר על נחל ארנון וגו׳״ [2], און אַז ער האָט זיי באַפוילן אַז ניט נאָר זאָלן זיי אַריבערגיין דעם ירדן צוזאַמען מיט זייערע ברידער איינצונעמען ארץ־ישראל אויף דער מערב־זייט פון ירדן, נאָר נאָך מער „חלוצים תעברו לפני אחיכם בני ישראל כל בני חיל״ [3], אַז זיי זאָלן אין מלחמה גיין די ערשטע, פאַר אַלע אַנדערע אידן.

שטעלט זיך רש״י אויף די ווערטער „לפני אחיכם״ און איז מפרש: „הם היו הולכים לפני ישראל למלחמה לפי שהיו גבורים ואויבים נופלים לפניהם (זיי זיינען געגאַנגען פאַר די [אַנדערע] אידן אין מלחמה, ווייל זיי זיינען געווען גבורים און די פיינט [פלעגן] פאַלן פאַר זיי) שנאמר [4] וטרף זרוע אף קדקד״.

בהשקפה ראשונה זעט אויס אַז די שאלה וועלכע עס שטעלט זיך אין פסוק, וועלכע רש״י באַוואָרנט מיט זיין פירוש, איז: פאַרוואָס האָט זיי משה אָנגעזאָגט צו גיין „לפני אחיכם״. דאָס וואָס ער האָט זיי אָנגעזאָגט אַריבערצוגיין דעם ירדן — איז פאַרשטאַנדיק.

1) שהם העיקר בכל הענין ובכלל „בתחילה לא באו לפניו שבט מנשה כו׳ וטעם ולחצי חלק כו׳ עשירית השבט בלבד כו׳״ (רמב״ן מטות לב, לג). וכבר העירו מירושלמי ביכורים (פ״א ה״ח). וראה ג״כ חזקוני וצרור המור (מטות שם). וראה לקו״ש חכ״ח ע׳ 210 ואילך.

2) דברים ג, יב.

3) שם ג, יח.

4) ברכה לג, כ.

ווי ער זאָגט פריער אין פרשת מטות [5] „האחיכם יבאו למלחמה ואתם תשבו פה״ — עס האָט דאָך ניט קיין אָרט אַז אַנדערע אידן זאָלן קעמפן און זיי זאָלן זיצן במנוחה. אָבער פאַרוואָס זיינען זיי מחויב צו גיין אין מלחמה די ערשטע? צי דען ווייל זיי באַקומען זייער חלק אין עבר הירדן מזרחה דאַרפן זיי זיך איינשטעלן אין סכנה מער פון אַלע אַנדערע אידן [6]? אויף דעם זאָגט רש״י, „הם היו הולכים לפני ישראל למלחמה לפי שהיו גבורים כו׳״, אַז די נויטוועגדיקייט פון זייער גיין למלחמה „לפני ישראל״ איז איבער דעם וואָס זיי זיינען געווען גבורים און די אויבים זיינען געפאַלן פאַר זיי.

וואו געפינט מען אַז „גבורים היו ואויבים נופלים לפניהם״? זאָגט רש״י „שנאמר וטרף זרוע אף קדקד״, אַז אַזוי שטייט בפירוש אין פסוק, אַז מיט איין קלאַפּ האָבן זיי אָפּגעהאַקט די האַנט מיטן קאָפּ פון דעם שונא [7]. און כאָטש אַז אָט דער פסוק שטייט נאָר ביי בני גד, ניט ביי בני ראובן — זיינען די בני ראובן דאָ געווען טפל צו די בני גד [8]. און ווי מען געפינט פריער אין

5) לב, ו.

6) גו״א כאן.

7) פירש״י ברכה שם.

8) ולכן דוקא בבני גד נאמר (ברכה לג, כא) „ראשי עם — הם היו הולכים לפני החלוץ כו׳ ״ — אף שגם בני ראובן הלכו עמהם (ראה ראב״ע שם).

ומ״ש רש״י כאן „לבני ראובן וגד הי׳ מדבר״ — כוונתו לשלול את שאר בנ״י (כבמפרשי רש״י כאן). ומה שהקדים ראובן לגד — הוא מפני שבנתינת משה קדם ראובן כי הוא הבכור.

פרשת מטות[9] אז דער פסוק איז מקדים די בני גד פאר די בני ראובן[10], סיי אין זייער בקשה צו געבן זיי עבר הירדן, סיי אין דעם תנאי וואס משה האט מיט זיי אויסגענומען[11].

ב. לויט דעם פירוש [אז רש״י קומט דא מפרש זיין בלויז דעם טעם פארוואס זיי זאלן גיין „לפני אחיכם״], איז אבער ניט מובן:

א) פריער אין פרשת מטות[12], וואו עס ווערט דערציילט אז די בני גד ובני ראובן האבן געזאגט „ואנחנו נחלץ חשים לפני בני ישראל״, איז רש״י מפרש „מתוך שגבורים היו שנאמר וטרף זרוע אף קדקד״. האט דאך שוין רש״י מפרש געווען דעם טעם פון דעם וואס זיי דארפן גיין די ערשטע, און משה דא דערציילט איבער די פאסי־רונגען פון פרשת מטות — טא וואס דארף עס רש״י מפרש זיין דא נאכ־אמאל[13]?

די קשיא איז נאך שטארקער: ל־אחרי וואס רש״י איז מפרש דארטן דעם טעם פון דעם וואס די בני גד ובני ראובן האבן זיך אליין אנגעשלאגן צו גיין „לפני בני ישראל״ איז רש״י ממשיך „ואף משה חזר ופירש להם באלה הדברים ואצו אתכם בעת ההיא וגו׳ חלוצים תעברו לפני אחיכם בני ישראל כל בני חיל״. איז דאך פאר־שטאנדיק, אז „מתוך שגבורים היו״ איז א טעם ניט נאר אויף דעם וואס די בני גד ובני ראובן האבן זיך אנ־געשלאגן „ואנחנו נחלץ חשים לפני בני ישראל״ וואס ווערט דערציילט אין פרשת מטות, נאר אויך אויף דעם וואס „משה חזר ופירש להם באלה הדברים״. טא וואס דארף דא רש״י מפרש זיין דעם טעם נאכאמאל?

ב) וואס דארף רש״י שרייבן „הם היו הולכים לפני ישראל למלחמה״? ס׳איז דאך גענוג ער זאל אנהויבן זיין פירוש גלייך מיטן טעם „לפי שהיו גבורים כו׳״?

ג) וואס איז רש״י מוסיף מיט די ווערטער „ואויבים נופלים לפניהם״: בשעת מען רעדט וועגן מלחמה און מען זאגט אז „היו גבורים״ איז דאך שוין ממילא פארשטאנדיק אז אויבים נופלים לפניהם. אנדערש זיינען זיי דאך קיין גבורים ניט. וואס דארף עס רש״י אויסטייטשן בפירוש?

ד) ווען רש״י געפינט שוין יע פאר נויטיק צו מוסיף זיין „ואויבים נופלים לפניהם״, האט ער דאס געדארפט זאגן אין פרשת מטות, וואו עס שטייט דעם ערשטן מאל אז די בני גד ובני ראובן זיינען געגאנגען די ערשטע למלחמה. אין פרשת מטות אבער איז רש״י מפרש נאר „מתוך שגבורים היו״, און ער איז ניט מוסיף „ואויבים נופלים לפניהם״. דוקא אין אונזער סדרה וואו דער ענין ווערט געזאגט צום צווייטן מאל, איז רש״י מוסיף „ואויבים נופ־לים לפניהם״?

ג. דעם עצם ענין וואס רש״י באנ־נוגנט זיך ניט מיט „שהיו גבורים״ און איז מוסיף „ואויבים נופלים לפ־

---

9) לב, ב ואילך (וראה רמב״ן שם לב, ב. בעה״ט לב, א).

10) אף שראובן הי׳ גדול מגד. שלכן בכל מקום, וגם בפרשה זו עצמה בתחלתה, מקדים הכתוב ראובן לגד.

11) ולהעיר אשר בעברם את הירדן הקדים ראובן לגד הן בכתוב (יהושע א, יב. ד, יב. ובקאפיטל כב) והן בפירש״י במטות (לב, יז). וי״ל.

12) לב, יז.

13) ראה רש״י ואתחנן (ה, ז) עשה״ד כבר פירשתים. אלא ששם — ע״ד פרשה שלימה.

ניהם", קען מען מסביר זיין בהקדים נאך א קשיא:

פריער אין פרשת ויחי [14] שטייט „ידך בעורף אויביך גו' גור ארי' יהודה גו'", איז פון דעם וואס יהודה ווערט פארגליכן צו אן ארי', מלך שבחיות [15], משמע אז יהודה איז געווען דער שטארקסטער פון אלע שבטים. פרעגט זיך די שאלה: פארוואס האט משה אנגעזאגט אז בני גד (און בני ראובן) זאלן גיין די ערשטע למלחמה, און ניט בני יהודה?

לכאורה קען מען פארענטפערן אז די גבורה פון שבט יהודה איז ערשט געווארן בימי דוד, ווי רש"י איז דארט מפרש „ידך בעורף אויביך — בימי דוד כו'"; „גור ארי' — על דוד נתנבא כו'", און אז אין די פריערדיקע זמנים זיינען בני גד געווען די שטארקסטע — קען מען אזוי ניט זאגן, ווייל

א) אין די סיפורים וואס מלמדים אין חדר דערציילן זייערע תלמידים איז מודגש אז יהודה איז געווען דער שטארקסטער צווישן אלע בני יעקב און אויך אז דער שבט יהודה איז געווען דער שטארקסטער צווישן אלע שבטים מקדמת דנא. און וויבאלד אז אזוי איז עס מקובל ביי חדר־אינגלעך מדור דור, איז געוויס אז דאס איז מתאים מיט פשוטו של מקרא. ובפרט אז ער איז דאך געווען דער מרובה באוכלוסין פון יוצאי צבא בישראל — מער פון אלע שבטים — כמפורש אין פ' פינחס [16] (און אויך פריער — אין פ' במדבר [17]).

ב) אין פרשת ויגש [18] ברענגט רש"י צוויי דיעות בנוגע גד (יעקב'ס זון, ניט דער שבט), צי ער איז געווען פון די גבורים אדער פון די חלשים. אבער בנוגע יהודה זאגט רש"י בפשיטות — לויט ביידע דיעות — אז ער איז געווען פון די גבורים. און עס איז משמע בכמה מקומות — אויך בדרך הפשט ובפרש"י — אז די אייגנשאפטן פון יעקב'ס זין און פון די שבטים וואס זיינען ארויסגעקומען פון זיי — זיינען די זעלבע [19].

איז פארוואס־זשע זיינען טאקע די בני יהודה ניט געגאנגען די ערשטע אין מלחמה?

איז דעריבער רש"י מוסיף „ואויבים נופלים לפניהם", אז בני גד האבן געהאט א באזונדערע מעלה, אזא וואס אפילו בני יהודה האבן זי ניט געהאט — וואס „אויבים נופלים לפניהם":

14) מט, ח־ט.

15) חגיגה יג, ב. מדרש תהלים כב, כח.

16) כו, כב.

17) א, כז.

18) מז, ב. ומדהקדים רש"י הפי' דגד גבור — מוכח שזהו קרוב יותר ל„פשוטו של מקרא" (וי"ל שרש"י עצמו מפרש שם הטעם — דיהודה מוכיח). וי"ל דגם חלוצים תעברו שבענינינו — שגד (ולא ראובן) הוא העיקר — מוכיח כן.

מפירש"י ברכה (לג, יח) אין להוכיח שס"ל — במסקנא — שגד הי' מהחלשים, כי לפעמים רבות דרכו של רש"י, כשמביא כמה פירושים, לפרש אח"כ לפי פירוש אחד בלבד — ואין זה מפני שמכריע כפירוש זה, כ"א (ברובא דרובא) מפני שלפירוש השני — הכתוב מובן בפשטות.

ובנדו"ד — להעיר שבפירש"י שבפ' ויגש (שם) מסיים: ובברייתא דספרי שנינו בה בוזאת הברכה כו' (כפי' השני) — [דמזה מובן דבפ' ויגש יש לפרש בשני האופנים, אבל בוזאת הברכה רק כפי' השני. — והקושיא דחלוצים תעברו י"ל דבזה הי' חילוק בין גד בן יעקב לבני גד]. כן מדגיש שם שהיא אגדת א"י אבל בגמרא בבלית שלנו כו'. ואכ"מ. (נת' בארוכה בלקו"ש חט"ו ע' 391 ואילך).

19) לדוגמא: פרש"י ויצא כט, לד.

אויף יהודה'ן שטייט [20] „ידך בעורף אויביך", אַז די בני יהודה האָבן געשלאָגן די אויבים אין זייער עורף, הייסט עס דאָך אַז די אויבים זיינען אַנטלאָפן פון די בני יהודה, וואָס דעריבער זיינען זיי געווען מיטן עורף צו די בני יהודה [21].

איז כאָטש טאַקע אַז בנוגע כיבוש הארץ איז קיין נפ"מ ניט צי מען הרג'עט די שונאים צי זיי אַנטלויפן; ווי ס'זאָל ניט זיין קען מען פאַרנעמען זייער לאַנד — איז אָבער ביי מלחמת שבעה עממין פאַראַן דער ציווי „לא תחי' כל נשמה" [22], און בשעת די שונאים אַנטלויפן איז דאָך מעגלעך אַז מען זאָל ניט קענען מקיים זיין דעם דאָזיגן ציווי. ווארום אפילו אַז מען קען זיי שפּעטער נאָכלויפן און כאַפּן זיי, האָבן זיי בינתיים אַ מעגלעכקייט צו מאַכן עפּעס אַן ערמה, וואָס זאָל ניט דערלאָזן צו הרג'ענען זיי, ווי עס האָבן געטאָן די גבעונים [23].

דעריבער האָט זיך געפאָדערט אַז די ערשטע צו גיין אין מלחמה זאָלן זיין בני גד, וואָס זייער מעלה איז „ואויבים נופלים לפניהם", זיי האָבן גלייך אויפן אָרט דער'הרג'עט די אויבים, ווי רש"י ברענגט דעם פּסוק „וטרף זרוע אף קדקד", אַז גלייך מיטן ערשטן קלאַפּ האָבן זיי אָראָפּגעהאַקט (ניט בלויז די האַנט נאָר אויך) די קאָפּ [24]. און דוקא דורך זייער גיין בראש איז מען געווען זיכער מיטן קיום הציווי לא תחי' כל נשמה.

עס בלייבט נאָך אָבער צו פאַרשטיין: פאַרוואָס שרייבט רש"י „ואויבים נופלים לפניהם" אין אונזער פּסוק, וואו דער ענין רעדט זיך צום צווייטן מאָל, און ניט פריער אין פרשת מטות, וואו דאָס ווערט דערציילט תחילה?

ד. נאָך אַ שינוי אין רש"י'ס פירוש דאָ לגבי זיין פירוש אין פרשת מטות, און נאָכמער פון אַ שינוי סתם — דאָ איז רש"י מפרש פאַרקערט פון דעם וואָס ער איז מפרש פריער:

אין פרשת מטות [12] איז רש"י מפרש „בראשי גייסות". וואָס דאָס מיינט, אַז ס'איז ניט געווען קיין באַזונדער גייס וצבא פון בני גד ובני ראובן, נאָר אַז אין די גייסות פו אידן זיינען זיי, די בני גד ובני ראובן, געגאַנגען בראש. דאַקעגן אין אונזער סדרה זאָגט רש"י

---

20) ויחי מט, ח.

21) וכפירוש המצודת דוד עה"פ (ש"ב כב, מא — פסוק המובא בפירש"י ויחי שם) ואויבי תתה לי עורף „כי ינוסו ויהפכו לי עורף".

22) שופטים כ, טז. והתלמיד יודע כבר מציווי שבפסוק זה, כי הובא בפירש"י בהר כה, מד.

23) יהושע ט, יד ואילך. וראה בפירש"י עה"ת נצבים כט, יו"ד שכן עשו כנענים בימי משה.

24) ובזה יומתק מה שרש"י מביא כאן את הפסוק „וטרף זרוע אף קדקד"* — אף שכתב כבר הוכחה זו בפרשת מטות (ואין לומר, שרש"י כופל זאת לפי שחושש שהתלמיד שכח מה שלמד מקודם — כי לפי"ז הוצרך להוסיף גם תיבת „בגד") — כי הוכחת רש"י מהפסוק „וטרף זרוע אף קדקד" בפרשת מטות הוא, אשר „גבורים היו"

[ומה שמביא גם התיבות „אף קדקד" (ואינו כותב „וטרף וגו'") — כי באם היו טורפים רק זרוע, אין זה סימן ודאי לגבורה ואדרבה — הרי הנטרף יכול לטרוף אח"כ קדקד הטורף]

ולכן מביא בפרשתנו עוד פעם פסוק זה להוכיח (גם) אשר אויבים נופלים לפניהם (ולא שנסו מפניהם), כבפנים.

---

*) מה שרש"י כופל „שהיו גבורים" — מובן עפ"י מ"ש להלן סעיף ו.

„הולכים לפני ישראל למלחמה" — אַז דער גאַנצער חלוץ, די פאָדערשטע מיליטער־אָפּטיילונג, איז געווען פון בני גד ובני ראובן[25].

אַט־דער שינוי ערקלערט אונז וואָס רש"י הויבט אָן זיין פירוש ניט מיט „לפי שהיו גבורים" נאָר מיט „הם היו הולכים לפני ישראל למלחמה", ווייל רש"י גיט דאָ צו פאַרשטיין ניט בלויז דעם טעם, פאַרוואָס זיי זיינען געגאַנגען „לפני אחיכם", נאָר ער איז אויך מפרש דעם טייטש און מיין דערפון, אַז דער גאַנצער ערשטער גייס איז געווען פון בני גד ובני ראובן.

אָבער פאַרוואָס איז טאַקע רש"י מפרש דעם „לפני אחיכם" פון אונזער פסוק אַנדערש — און בסתירה — פון זיין פירוש אין פרשת מטות?

ה. איז דער ביאור אין דעם:

אינעם וואָרט „לפני" זיינען פאַראַן צוויי פירושים: (א) „לפני" — פריער, פאַר אַנדערע. אַז דער וואָס איז „לפני" איז אָפּגעטיילט פון די אַנדערע; ער גייט פאַר זיי. (ב) „לפני" — פון פאַרענט, דער „פני" פון די וואָס גייען מיט אים מיט: ער איז ניט אָפּגעטיילט פון זיי אַלס אַן ענין בפני עצמו, נאָר ער איז דער „פני" דער פאָרנט זייערער. ווי דער פנים פון אַ מענטשן, וואָס איז ניט קיין דבר בפני עצמו, נאָר ער איז דער טייל פון מענטשן וואָס געפינט זיך פון פאָרנט[26].

בכדי צו וויסן וואָס עס מיינט „לפני" (צי אין דעם זין פון פריער צי אין דעם זין פון פני) דאַרף מען זען וואָס עס שטייט נאָכן וואָרט „לפני", אַף וואָס דער „לפני" באַציט זיך. אויב דער וואָס געפינט זיך „לפני" איז אַ טייל פון די וואָס ער באַציט זיך אויף זיי, איז דאַן מובן אַז מיט „לפני" ווערט געמיינט אַז ער זאָל זיין זייער פני. אויב אָבער דער צו וועמען ער באַציט זיך איז אַזאַ וואָס ער — ווער ס'געפינט זיך לפני — איז אָפּגעטיילט פון אים, דאַן מוז דער וואָרט „לפני" מיינען, אַז ער זאָל זיין פריער פאַר יענעם.

און דעריבער, אין פרשת מטות וואו עס שטייט „לפני בני ישראל" — ווי־באַלד אַז די בני גד ובני ראובן זיינען דאָך אויך אַ טייל פון „בני ישראל", איז דאָרט דער פירוש (ניט פאַר זיי, נאָר) דער פני פון בני ישראל. לערנט דעריבער רש"י „בראשי גייסות", אַז אין די גייסות פון בני ישראל זיינען די בני גד ובני ראובן געווען (דער „פני" און) די ראשים[27].

דאַקעגן אין אונזער פסוק, וואו עס שטייט „לפני אחיכם", וואָס דערמיט ווערן דאָך געמיינט בלויז די אחים

25) וכמפורש ביהושע — הובא בפירש"י מטות שם בהמשך להפסוק שמביא מפרשתנו — והחלוץ **עובר*** לפניהם.

*) בכמה דפוסים הנפוצים „הולך", אבל בדפוס שני דפרש"י (בדפוס ראשון כל ד"ה זה ליתא) וכת"י רש"י שתח"י (וכ"ה בבחיי כאן): והחלוץ **עובר** לפניהם (אלא שכנראה ה„בחור הזעצער" הגי' „הולך", כלשון הכתוב יהושע ו, יג. ולא הרגיש שעפ"ז יוקשה למה לא הביא רש"י מפסוק ט' **שלפנ"ז**). ומה שרש"י משנה מלשון הכתוב — נתבאר בארוכה בשיחת ש"פ מטו"מ תשכ"ט. וראה לקמן ע' 34 הערה 7.

26) להעיר מפירש"י: בראשית (מו, כח) „לפניו קודם שיגיע לשם" — מודגשת הר־חקה; שמות (יז, ה) „לפני העם וראה כו'" — מודגש הקירוב.

27) וע"ד פירש"י (וג"כ בנוגע למלחמה) יצא לפניהם כו' יוצא בראש כו' (פנחס כז, יז).

— די אַנדערע שבטים, איז וויבאַלד אַז די בני גד ובני ראובן זיינען ניט קיין טייל פון „אחיכם", מוז מען דאָ לערנען „לפני אחיכם" פאַר אייערע ברידער. לערנט דעריבער רש"י „הם היו הולכים לפני ישראל למלחמה", אַז דער חלוץ (די גאַנצע פלוגה) פון בני גד ובני ראובן איז געגאַנגען פאַר אַלע אַנדערע אידן[28].

ו. עפ"י הנ"ל וועט מען פאַרשטיין נאָך אַ שינוי אין רש"י'ס פירוש פון אונזער פסוק לגבי זיין פירוש אין פרשת מטות: אין אונזער סדרה זאָגט רש"י „לפי שהיו גבורים", דער „שהיו גבורים" איז דער טעם אויף זייער גיין „לפני אחיכם". אין פרשת מטות אָבער זאָגט רש"י „מתוך שגבורים היו" — אַז מצד דעם וואָס זיי זיינען געווען גבורים האָבן זיי געקענט פאַרלייגן אַז זיי זאָלן גיין די ערשטע און אַז זייער פאַרשלאָג זאָל נתקבל ווערן (וואָרום פשוט, אַז ווען זיי וואָלטן ניט געווען קיין גבורים, וואָלט מען זיי ניט צוגעלאָזן אַז זיי זאָלן גיין בראש המלחמה). וואָס איז אָבער דער טעם פון זייער וועלן גיין אין מלחמה די ערשטע — זאָגט ניט רש"י.

איז דער ביאור אין דעם:

אין פרשת מטות[29] ווערט דערציילט, אַז די בני גד ובני ראובן זיינען געקומען צו משה'ן און געזאָגט „אל תעבירנו את הירדן", און אַז אויף דעם האָט זיי משה געענטפערט „האחיכם יבואו למלחמה ואתם תשבו פה, ולמה תניאון את לב בני ישראל מעבור אל הארץ גו'" (צי דען וועלן אייערע ברידער גיין קעמפן און איר וועט זיצן דאָ? פאַרוואָס זאָלט איר אָפּקערן די האַרץ פון די אידן פון אַריבערגיין צו דער לאַנד גו'). דאָן שטייט אַז אויף די רייד פון משה'ן האָבן זיי געענטפערט: אדרבה, ניט נאָר וועלן מיר גיין למלחמה גלייך מיט אַלע אידן, נאָר נאָך מער „נחלץ חשים לפני בני ישראל".

איז דאָך דער טעם פון זייער זאָגן אַז זיי וועלן גיין לפני בנ"י, איז מובן פון דעם המשך הענינים וואָס אין דער פרשה גופא: וויבאַלד אַז פריער האָבן זיי געזאָגט „אל תעבירנו את הירדן"

[ובפרט נאָך אַז זייער ניט וועלן גיין אין ארץ ישראל איז געקומען פון זייערע עלטערן — ווי משה האָט זיי געזאָגט „כה עשו אבותיכם"[30] — ד־לכאורה מאי נפקא מינה ווער עס האָט געטאָן? (און אַזוי אויך נאָכדעם „קמתם תחת אבותיכם גו'"[31]) — וואָס „האב מוריש לבנו"[32]]

איז ווען זיי וואָלטן געגאַנגען במלחמה צוגלייך מיט אַלע אידן, וואָלט עס נאָך קיין ראי' ניט געווען אַז זיי האָבן עוקר מן השרש געווען בײַ זיך[33] דעם ענין וואָס איז געקומען

28) ועפי"ז יומתק מה שרש"י שטעלט זיך על „לפני אחיכם", ובפרשת מטות — על „לפני בני ישראל".

29) לב, ה ואילך.

30) שם, ח.

31) שם, יד.

32) ראה עדיות פ"ב מ"ט ובפיה"מ להרמב"ם שם. וגם בפשטות מובן שתכונות וטבעי הבן באים בירושה מהאבות — שזהו הטעם בפשטות ד„לא תקח אשה לבני מבנות הכנעני גו'" (ח"ש כד, ג).

33) ובזה יומתק סדר הטענות (במטות שם) מן הקל אל הכבד: א) (לא חוטאים ולא מחטיאים, בכ"ז) האחיכם יבואו גו'; ב) ולמה תניאון גו' — וכפירש"י שם (לב, ז) „שיהיו סבורים שאתם יראים כו'" (לא חוטאים, אבל מחטיאים). ג) כה עשו אבותיכם (שהיו „יראים" והאב מוריש לבנו — חוטאים) גו' ויניאו גו' (ודאי שיחטיאו ולא רק חשש).

פון „אבותיכם״ [34]. ועל אחת כמה וכמה אז זיי וואלטן דערמיט ניט געקענט אראפנעמען אזא תנועה ביי אנדערע אידן, וואס האבן געקענט טראכטן אז די בני גד ובני ראובן האבן מורא צו גיין אין מלחמה (ווארום מ׳האט גע־קענט מיינען אז זייער שפעטערדיקער מסכים זיין יע צו גיין למלחמה איז בלויז געקומען ווי א הכרח פון דער סברא וטענה „האחיכם יבואו למלחמה ואתם תשבו פה״); בשעת אבער די בני גד ובני ראובן האבן זיך אונטער־גענומען דעם קצה ההפכי [35] — „נחלץ חשים לפני בני ישראל״ — האבן זיי דערמיט מבטל געווען די גאנצע תנועה סיי ביי זיך און סיי ביי אנדערע אידן.

און היות ווי פון המשך הפסוקים אליין איז שוין מובן דער טעם פון זייער וועלן גיין אין מלחמה די ערשטע — דארף דארט רש״י ניט שרייבן קיין אנדערע טעמים. און דאס וואס רש״י זאגט דארט „מתוך שגבורים היו״ איז (כאמור לעיל) — ווייל ווען זיי וואלטן ניט געווען קיין גבורים, וואלטן זיי ניט געקענט פארלייגן צו גיין די ער־שטע. ווארום אויב די וואס גייען למל־חמה פאראויס זיינען ניט קיין גבורים, טויג עס אינגאנצן ניט פאר נצחון המלחמה. ואדרבה, דער קלקול וואס קען ארויסקומען ווען חלשים גייען בראש הצבא איז פיל גרעסער פון דעם קלקול וחשש פון „ולמה תניאון״ דורך דעם וואס זיי וועלן ניט ארויס־ווייזן דעם קצה ההפכי פון „ואתם תשבו פה״ (כאטש אז בפועל גייען זיי יע אויף מלחמה).

בשעת עס קומט אבער צו אונזער סדרה וואו עס שטייט „ואצו אתכם גו׳ חלוצים תעברו לפני אחיכם״ — אז משה האט זיך ניט באנוגנט מיט זייער וועלן גיין בראשי גייסות [אעפ״י אז אויך דורך דעם זיינען זיי עוקר דעם „ולמה תניאון״], נאר ער האט זיי אנגעזאגט אז די גאנצע פאדערשטע פלוגה זאל זיין צוזאמענגעשטעלט פון זיי (אעפ״י אז פריער האט משה מס־כים געווען צו זייער וועלן גיין „לפני בני ישראל״ [36]), ווערט דאך די שאלה: פארוואס איז ניט גענוג אז זיי וועלן גיין בראשי גייסות (ובפרט נאך אז פריער אין פרשת מטות האט משה פון זיי ניט געפאדערט מערער)?

אויף דעם ענטפערט רש״י „לפי

---

34) ברמב״ן שם „משה חשד אותם . . ולכן ענו אותו חלילה שנירא מהם אבל נעבור חלוצים כו׳״. ומשמע מדבריו שגם בתחילה רצו לעבור את הירדן. אבל בפשטות, קשה לומר שמשה לא הבין כוונתם, ומסתבר שבתחילה, קודם שאמר להם משה האחיכם יבואו למלחמה גו׳, לא רצו לעבור את הירדן (ראה גם אוה״ח שם, שמטעם זה אמרו „הארץ אשר הכה ה׳״).

35) ראה רמב״ם הל׳ דיעות פ״ב ה״ב. שו״ע אדה״ז סקנ״ו ס״ג (ועפימ״ש בשו״ע שם יתורץ חלק מקושיות הלח״מ שם).

36) ואין להקשות ממ״ש „ואצו אתכם בעת ההיא גו׳ לפני אחיכם״ — כי הכוונה ב„ואצו גו׳ בעת ההיא״ הוא אשר אז צוה להם בכללות. אבל „לפני אחיכם״ הוסיף כשאמר משנה תורה.

ומה שרש״י כותב „ואף משה חזר ופירש להם באלה הדברים כו׳״, כוונתו הוא רק לכללות הענין, ובכדי באווארענען הקושיא על פירש״י ממש״נ במענת משה ע״ז „לפני ה׳״ ולא שילכו הראשונים, ועל זה מביא רש״י שבפ׳ דברים פירש (ולא אמר או כיו״ב) משה את דבריו „לפני ה׳״ שאמר בעת ההיא, שהכוונה בזה הוא — חלוצים תעברו גו׳ שילכו ראשונים.

מה שהוזקק רש״י לפרש ב„לפני בני ישראל״ (שאמרו ב״ג וב״ר) שגם משה צוה להם כן, ושקיימו תנאם — נתבאר בארוכה בשיחת ש״פ מטו״מ תשכ״ט.

שהיו גבורים" — אַז דאָס וואָס די בני גד האָבן געדאַרפט גיין די ערשטע איז עס ניט בלויז אויף אויסצורייסן די נטי' פון ולמה תניאון, נאָר אויך ווייל דער נצחון המלחמה פאָדערט אַז די ערשטע זאָלן זיין גבורים. און פאַר דעם צוועק מוז די גאַנצע ערשטע פלוגה זיין פון גבורים.

ז. עפי"ז איז אויך פאַרשטאַנדיק וואָס דוקא אין אונזער פסוק איז רש"י מוסיף „ואויבים נופלים לפניהם", ווייל ווען ניט די דאָזיגע הוספה שטעלט זיך אַ קשיא אויף רש"י'ס טעם „לפי שהיו גבורים":

וויבאַלד אַז משה האָט געוואָלט באַוואָרענען דעם נצחון המלחמה דורך צונויפשטעלן די ערשטע פלוגה פון נאָר גבורים, וואָלט דאָך בעסער געווען אויב אַז די דאָזיגע פלוגה זאָל באַשטיין פון בני יהודה?

אין פרשת מטות קען מען ניט פרעגן פאַרוואָס מען האָט ניט אויסגעשטעלט אַז די בני יהודה זאָלן זיין בראשי גייסות — ווייל דאָרט געפינט מען נאָר אַז מען האָט געוואָלט אַז בני גד זאָלן גיין בראש (כדי צו עוקר זיין דעם חשש פון יראים און תניאון). מען מוז אָבער באַוואָרענען ווי רש"י זאָגט „מתוך שגבורים היו" — ווייל אויב זיי וואָלטן געווען ניט קיין גבורים וואָלט זייער גיין בראש המלחמה געשאַדט צום נצחון. משא"כ אין אונזער סדרה וואו עס ווערט דערציילט — כפרש"י — אַז זיי גייען לפני — לפי שהיו גבורים, אַז מ'האָט געוואָלט האָבן בדוקא גבורים, וואָלט דאָך געווען בעסער לכאורה אַז די ערשטע פלוגה זאָל באַשטיין פון בני יהודה? לכל הפחות — צוזאַמען מיט בני יהודה?

אויף דעם ענטפערט רש"י „ואויבים נופלים לפניהם" — אַז בני גד האָבן געהאַט אַ מעלה אפילו אויף בני יהודה: זייער גיין בראש האָט געמאַכט זיכער אַז מען וועט מקיים זיין דעם ציווי „לא תחי' כל נשמה", כנ"ל ס"ג.

ח. מ'דאַרף נאָך אָבער פאַרשטיין: פאַרוואָס טאַקע בתחילה בעת משה האָט אויסגערעדט זיין תנאי מיט בני גד און בני ראובן (אין פרשת מטות) האָט ער מסכים געווען אַז זיי זאָלן גיין בראשי גייסות, און דערנאָך, ווען משה האָט איבערגעזאָגט משנה תורה, ערשט דאַן האָט ער מוסיף געווען אַז זיי זאָלן גיין „לפני אחיכם": אויב דער נצחון המלחמה פאָדערט אַז די גאַנצע ערשטע פלוגה זאָל זיין פון גבורים — פאַרוואָס איז פריער געווען גענוג אַז זיי זאָלן גיין בלויז „בראשי גייסות"?

מוז מען זאָגן, אַז בינתיים (צווישן דעם מתנה זיין מיט די בני גד און בני ראובן ביז צו דער צייט פון ר"ח שבט ווען משה האָט געזאָגט משנה תורה) איז געשען אַ געוויסער ענין, וואָס האָט געבראַכט משה'ן צום מוסיף זיין אַז זיי זאָלן גיין „לפני אחיכם". און דאָס איז אַזאַ דבר הפשוט, וואָס דער „בן חמש למקרא" פאַרשטייט עס מעצמו און ס'איז ניט נויטיק אַז רש"י זאָל עס אים מבאר זיין.

ט. בשעת משה האָט אויסגענומען זיין תנאי מיט בני גד ובני ראובן האָט משה (און אַזוי אויך אַלע אידן[37] — כולל די בני גד ובני ראובן) געהאָפט, אַז דורך תפלה וועט ער קענען פועל'ן

---

37) וי"ל דבנ"י עוד ביתר שאת — ע"פ פרש"י האזינו לב, מח.

ער זאָל קענען אַריינגיין אין ארץ־ישראל[38]. וואָרום דורך זיין געבן זיי דעם עבר הירדן אַלס זייער חלק אין ארץ־ישראל [וואָס אויב נאָר זיי וועלן מקיים זיין דעם תנאי וואָס משה האָט מיט זיי אויסגענומען, וועט דאַן אויסקומען אַז משה האָט עס זיי געגעבן מלמפרע], קומט דאָך אויס אַז ער איז שוין אַריין אין אַ טייל פון ארץ־ישראל[39], ובמילא האָט ער געטראַכט אַז ס'איז שוין מותר געוואָרן דער נדר[40] (ווייל נדר שהותר מקצתו הותר כולו[41]) אויך לגבי די אַנדערע טיילן פון ארץ־ישראל. און וויבאַלד אַז דער נדר איז שוין מותר געוואָרן, וועט העלפן זיין תפלה אויף מבטל זיין די גזירה[42].

אין פרשת דברים אָבער, בר"ח שבט, ווען משה רבינו האָט אָנגעהויבן זאָגן משנה תורה[43], איז ער שוין דאַן נצטווה געוואָרן — און פון דעם אויבערשטן אַליין (ניט דורך אַ נביא) — „אל תוסף דבר אלי עוד בדבר הזה"[44]. האָט ער דאָך שוין קלאָר געוואוסט אַז ער וועט אין ארץ ישראל ניט אַריינגיין (און ווי רש"י זאָגט[43] „שלא הוכיחן אלא סמוך למיתה"), נאָר יהושע „הוא ינחיל אותם את הארץ"[45].

און מצד אָט דעם דאָזיקן חידוש וואָס איז נתחדש געוואָרן אין דער צייט צווישן פרשת מטות און פרשת דברים אַז דער כיבוש הארץ וועט זיין זיכער דורך יהושע, האָט משה געדאַרפט מוסיף זיין „לפני אחיכם".

יו"ד. דער כיבוש פון ארץ ישראל, ווי ער איז געווען (בפועל) דורך יהושע'ן, איז געווען דורך אַ מלחמה באופן טבעי. משא"כ ווען דער כיבוש וואָלט געווען דורך משה'ן, וואָלט עס געווען למעלה מהטבע, ווי אַלע מלחמות וואָס דורך משה, און ווי דערציילט די ניסים שבהם — אין חומש ובפרש"י.

[ואפילו מלחמת עמלק וואָס איז געווען דורך יהושע — איז געווען — בחר לנו דורך „אנשי משה", איז

38) ואף שבעת שהתנה עמהם, מנה עליהם את אלעזר ואת יהושע ואת ראשי אבות המטות (מטות לב, כח) — ואולי מצד הציווי (מסעי לד, יז) „אלה שמות האנשים אשר ינחלו וגו'" (באם ת"ל שהפרשיות הן שלא כסדרן) — הרי גם זה נכלל בה־גזירה שהתפלל עלי' לבטלה.

39) ועפי"ז מובן דיוק לשון רש"י (פנחס כז, יב) „כיון שנכנס משה לנחלת בני גד ובני ראובן" — ולא לארץ סיחון ועוג — כי באם לא הי' מנחיל את הארץ לב"ג וב"ר, הרי אינה מכלל ארץ ישראל, ובמילא אין זה שייך להנדר (כמ"ש בגור ארי' ר"פ ואתחנן).

וכן מוכח גם מסדר הכתובים (דברים ג, טו ואילך) „ולמכיר נתתי גו' ולראובני ולגדי נתתי גו'", ורק אחרי זה „ואתחנן גו' בעת ההיא", לפי שדוקא אז דימה שהותר הנדר.

ומ"ש רש"י (ר"פ ואתחנן) „לאחר ש־כבשתי ארץ סיחון ועוג" — יש לומר: התרת הנדר הוא ע"י כניסתו ל(חלק של) א"י, ולא ע"י שהנחיל אותה לישראל (ראה פירש"י פנחס שם „כיון שנכנס כו'". ולא כבפירוש הראשון, שמדבר בנוגע ל„הותרה הגזירה" — „אותי צוה המקום להנחיל"). ומכיון שכניסתו היתה בעת הכיבוש (אף שרק אח"כ נעשית ארץ סיחון ועוג לא"י), כותב רש"י „לאחר שכבשתי כו'" (ואינו חש להדגיש „נחלת ב"ג וב"ר" — כי פירש זה כבר בפ' פנחס).

40) פירש"י פנחס שם.

41) נדרים כה, ב. סו, א.

42) ראה גו"א וש"ח לפירש"י ואתחנן שם (ובארוכה — לקו"ש חכ"ד ע' 32 ואילך).

43) פרשתנו א, ג.

44) ואתחנן ג, כו. ומספר שם מה שהי' קודם ר"ח שבט.

45) שם, כח.

כאַטש מען האָט טאַקע געדאַרפט נוצן אַ שווערד, ווי עס שטייט [46] „ויחלוש גו' לפי חרב", איז דאָס געווען בלויז אַ קצת הכנה בדרך הטבע, אָבער די מלחמה גופא האָט זיך געפירט למעלה מהטבע דורך „כאשר ירים משה ידו" און נאָכמער „לבטל כשפים" [47].

און אַזוי איז אויך מפורש ביי דער מלחמה מיט הכנעני מלך ערד, אַז במשך פון דער גאַנצער מלחמה האָט מען געפאַנגען פון אידן בלויז איין שפחה, און אויך זי איז געווען אַ שבוי' — „וישב ממנו שבי" — וואָס מען האָט איר געפאַנגען פריער פון זיי [48]. וואָס דאָס איז דאָך למעלה מדרך הטבע לגמרי, וואָרום באופן טבעי, אפילו ווען מען קומט אַרויס בנצחון גמור, איז לא ימלט אַז עס זאָל ניט שאַטן עפּעס אויך דעם צד המנצח [49]. וכמפורש אַז ווען מען האָט געזען נאָך מלחמת מדין אַז „לא נפקד ממנו איש" — איז „ונקרב את קרבן ה'" [50]].

און דערפאַר, איז בתחילה, ווען משה האָט געמיינט אַז די כניסה לארץ וועט זיין דורך אים און די מלחמה וועט זיך פירן למעלה מהטבע, האָט ער דאַן מסכים געווען אַז בני גד ובני ראובן זאָלן גיין נאָר בראשי גייסות, ווייל אויך דאָס איז שוין אַ הכנה בדרך הטבע [51]. וואָרום אויב נאָר די ראשים זיינען גבורים פועל'ט דאָס שוין אויף כל אנשי הגייס, ווייל דער עיקר איז צו מנצח זיין און מבטל זיין דעם „כל התחלות קשות" [52] (ועי"ד פתח ר' פלוני [53]).

בשעת אָבער אַז משה האָט געוואוסט זיכער אַז די כניסה לארץ וועט זיין דורך יהושע'ן און די מלחמה וועט זיך פירן בדרך הטבע, האָט ער זיך ניט מסתפק געווען דערמיט וואָס די ראשי גייסות וועלן זיין גבורים, נאָר ער האָט געוואָלט אַז די גאַנצע ערשטע פלוגה זאָל זיין פון גבורים.

(ועפי"ז קומט אַרויס נאָך אַ טעם אויף דעם וואָס אין פרשת מטות זאָגט ניט רש"י „ואויבים נופלים לפניהם": ווען די מלחמה וואָלט זיך געפירט למעלה מהטבע, וואָלטן די אויבים ניט געקענט אַנטלויפן אויך ווען די בני גד וואָלטן ניט פאַרמאָגט די דאָזיגע מעלה).

יא. אין פירש"י איז דאָך פאַראַן אויך „יינה של תורה" [54]. איז מובן אַז די צוויי ענינים אין „לפני" ווי בני גד ובני ראובן זיינען געגאַנגען —

---

46) בשלח יז, יג.

47) שם יז, יא. פירש"י שם יז, ט.

48) חקת כא, א. פירש"י שם.

49) ואף שגם בכיבוש יריחו [אף שהי' ע"י יהושע] לא נהרג גם איש אחד — אי"ז נוגע לנדו"ד. כי הכיבוש הי' ע"י הארון ותקיעה בשופרות, ולא ע"י מלחמה כלל.

50) מטות לא, מט-נ.

51) ואף שגם אחרי שחשב משה שהותר נדרו הוצרך להתחנן בכדי לבטל את הגזירה, והרי הדבר מוטל בספק אם ימלאו את בקשתו (ואפילו בנוגע להנדר, כותב רש"י „כמדומה שהותר לי נדרי" (פנחס שם); „שמא הותר הנדר" (ר"פ ואתחנן)), בכל זה לא התנה תחלה שילכו לפני אחיכם, כי יוכל להוסיף זה לאחר הבירור. ובאם הי' עושה זאת מקודם, ה"ז היפך ענין הבטחון. וראה בס' החינוך מצוה תלא: כי הוא יענה כו'.

52) מכילתא (הובא בפירש"י) יתרו יט, ה. ובפרט עפמש"נ אם מזרע היהודים גו' החילות גו' לא תוכל ובפרש"י שם (מג"א ו, יג).

53) ראה אמ"ב שער הק"ש פנ"ז (נה, א). ד"ה כי כאשר השמים תרע"ח (ע' רפג).

54) היום יום ע' כד.

צי בראשי גייסות אָדער אַלס פלוגה בפני עצמה — זיינען דאָס צווײ אופנים אין עבודת האדם, ווי צו כובש זיין דעם אויב — זה[55] היצה"ר:

דערמיט וואָס בני גד ובני ראובן זיינען געגאַנגען די ערשטע למלחמה (לויטביידע אופנים הנ"ל), וואָס דאָס איז דאָך אַן ענין פון סכנה יתרה, מס"נ, האָבן זיי זיך אויסגעטיילט פון די אַנדערע אידן ההולכים במלחמה. ביי די אַנדערע אידן איז ניט געווען קיין ספּעציעלע מס"נ — עיקר עבודתם איז געווען עפּ"י טעם ודעת, עבודה דבחי' נר"נ; אָבער ביי בני גד ובני ראובן איז געווען די עבודה דמס"נ שלמעלה מהשכל, עבודה דבחי' חי' יחידה[56].

וואָס דאָס איז אויך וואָס ביי בני גד איז געווען „וטרף זרוע אף קדקד"[57], אַז מיט איין קלאַפּ האָבן זיי טורף געווען דעם זרוע האויב צוזאַמען מיטן ראָש:

בשעת די מלחמה מיטן יצה"ר איז עפּ"י טעם ודעת, קען מען ניט מבטל זיין אַלע זיינע כחות מיט איין קלאַפּ — אויף יעדער כח פאָדערט זיך אַ באַזונדער עבודה. בשעת אָבער מען גייט מיט מס"נ, מצד המקיפים חי' יחידה, איז וויבאַלד אַז אין מקיף איז ניטאָ קיין התחלקות, איז במכה אחת הרג'עט מען אַוועק אַלע כחות פון דעם יצה"ר.

און נאָך אַ דיוק אין דעם: „וטרף זרוע אף קדקד" — פריער דעם „זרוע" און שפּעטער דעם „קדקד". און נאָך מער: דער קדקד קומט דאָ נאָר בדרך טפל — אף קדקד:

בשעת די עבודה איז עפּ"י שכל, הויבט מען אָן פריער מיט שכל שב־ראש (קדקד), און ער איז דער עיקר, און פון שכל קומט עס דערנאָך אַראָפּ אין מדות שבלב ביז אין מעשה בפועל (זרוע). בשעת אָבער מען גייט מיט מס"נ, איז דער עיקר דער פועל ממש, וואָרום כח המעשה דוקא דערנעמט דעם עצם[58], און פון דעם דערלאַנגט

**ומצוה וזכות לפרסם הלכה זו בין כל אנשי המלחמה וקרוביהם וידידיהם וכל בנ"י — שליט"א — בכל מקום שהם***.**

55) ב"ר רפנ"ד.

56) ראה גם אוה"ת ויחי שפב, ב ה־ שייכות דבני גד לחי' יחידה.

57) ע"פ משנ"ת בפנים יש לבאר גם בעבודת ה' מש"כ בהל' קטנות להרא"ש — הלכות תפלין (סט"ו — כהגירסא* שהובאה במעדני יו"ט שם) שמפני קיום מצות תפלין (שמניחין על הזרוע והקדקוד) ותיקונן יתקיים באנשי המלחמה וטרף זרוע אף קדקוד**. אמרו (זח"ג רע"מ רנד, ב וראה ג"כ שם רסב, ב): „שי"ן דתלת ראשין ושי"ן דארבע ראשין דתפילין כו'". (ולהעיר מסידור שער התפלין, שבוזי' המוחין שבתפלין, בתחילה הם ג' ואח"כ נחלקים לד'. עיי"ש).

58) ויש לומר שזהו ג"כ מש"כ גבי גד „והוא יגוד עקב": שע"י העבודה בבחי' עקב — בחינה הכי אחרונה שבאדם, כח המעשה — באים לבחי' „והוא דא עתיקא" (ראה אוה"ת שם).

*) שינוי בהלשון — לא בתוכן הענין.

**) שמזה מובן, אשר גם בבני גד, מה שהי' בהם „וטרף גו'" הוא מצד מצות התפילין שהיתה בידם. וכמפורש בבחיי ס"פ מטות וז"ל: „כי היו בטוחים בגבורתם וכחם בזכות המצוה שבידם, וכענין שדרשו רז"ל וטרף זרוע בזכות תפילין שבזרוע אף קדקד בזכות תפלין שבראש". וראה גם לקמן ע' 55 ואילך.

השייכות של תפלין לבני גד — יש להעיר: גד הוא אותיות ג' ד' (ראה אוה"ת ויחי שפב, ב ואילך ובהנסמן שם), ובתפלין

***) וראה גם לקמן ע' 249. לקו"ש חי"ו ע' 277.

עס שפעטער אויך אין שכל[59].

יב. דער תכלית איז דאך אז מען זאל ניט פארבלייבן ביי מס"נ אליין, נאר אז דער מס"נ זאל דורכנעמען אויך די כחות פנימיים — איז אין דער פעולה ווי דער כח המס"נ (בני גד ובני ראובן) ווירקט אויף נר"נ (די אנדערע שבטים) זיינען פאראן צוויי אופנים:

א) ווי דער מס"נ איז מלובש אין כחות פנימיים. וע"ד המבואר בתניא[60] אז דער קיום התומ"צ איז „תלוי בזה שיזכור תמיד ענין מסירת נפשו לה' על יחודו". איז דאך דער עיקר עבודה שבזה — תורה ומצות, בחי' נר"נ. און דער זכרון המס"נ שמצד יחידה איז דאמאלס ניט קיין ענין בפני עצמו — ער איז דאך ניט אויסן צו מעורר זיין מס"נ, דער מס"נ קומט בלויז בכדי ארויסצוהעלפן אין דער עבודה פון תומ"צ[61].

נוסף צו דעם וואס דער גאנצער ענין המס"נ שבזה איז בשביל קיום התומ"צ — נר"נ, איז אויך דער זכ־רון המס"נ גופא פארבונדן מיט שכל (נר"נ). וואס ער איז זיך מתבונן אז מה דאך ער איז גרייט למסור נפשו ממש, איז דאך מכ"ש אז ער דארף ברעכן די תאוות היצר, וואס שבירת התאוות איז גרינגער פון יסורי מיתה ה' ישמרנו[62].

ב) ווי דער מס"נ איז אן ענין בפני עצמו[63]. צי מס"נ בפועל, ווען עס האנדלט זיך וועגן קידוש השם כפשוטו, צי מס"נ בכח, אזוי ווי יו"כ צו נעילה וואס מען דארף דאן מעורר זיין דעם כח המס"נ, ניט (נאר) בנוגע קיום התורה ומצות, נאר (אויך וב־עיקר) — מס"נ מצד עצמו.

און אויך דער ענין פון מס"נ — כאטש ער איז ניט מלובש אין כחות פנימיים — פועל'ט אויף אלע כחות. כמבואר בתניא[64], אז בשעת א איד קומט לידי נסיון בדבר אמונה בה' אחד, וואס דאן ווערט נתעורר זיין כח המס"נ, ווירקט עס במילא אויף אלע זיינע (כחות, ביז צו די) לבושים מחשבה דיבור ומעשה.

און דאס זיינען די צוויי אופנים ווי בני גד ובני ראובן זיינען געגאנגען למלחמה:

בתחילת העבודה איז — „בראשי

---

59) להעיר מתורת הבעש"ט (סה"ש ש"ת ע' 133. הובאה בלקו"ש (כרך ב') ע' 299) שקדימת תש"י לתש"ר [זרוע ל־קדקוד — ראה לעיל הערה 57] מורה על מעלתם של מארי עובדין טבין, אנשים פשו־טים, שהם קודמים למארי השגה, עיי"ש. והרי ממעלת האנשים פשוטים הוא שבהם מתגלה פשיטות העצמות (כמבואר בלקו"ש שם ובכ"מ) ושבהם ישנו יותר כח המס"נ (כמבואר בסד"ה אני ישנה תש"ט ובכ"מ).

60) ספכ"ה.

61) ראה גם לקו"ש (כרך ד) ע' 1022. ובלקו"ש שם ואילך, שגם במס"נ ממש, כש־המס"נ הוא מדוד עפ"י דיני השו"ע, אינו אמיתית ענין מס"נ. עיי"ש.

62) תניא שם (לא, סע"ב ואילך).

63) ולא רק שאינה בשביל קיום התומ"צ („בכל עת ובכל שעה" כשאינו צריך למס"נ בפועל), אלא שאינה גם פרט בהמצות הע"ז וג"ע ושפ"ד — דיהרג כו'. כ"א שהמס"נ היא למעלה מן השכל לגמרי. משא"כ כשהמס"נ הוא פרט בהמצות (שמקיים את המצות גם כשיהרג ע"ז). מכיון שכללות קיום התומ"צ הוא עפ"י טו"ד, גם קיומם באופן של מס"נ, אי"ז אמיתית הענין דבחי' יחידה. ועפי"ז תובן בעיית הש"ס (סנה' עד, ב. ולפי פירש"י וכו' — לא איפשיטא. ובא־רוכה בס' פרשת דרכים, דרך האתרים דרוש שני) אם בן נח מצווה על קדה"ש (וראה הערה בסה"מ תש"ט ע' 122 ואילך. לקו"ש ח"ב ע' 212 ואילך).

64) פי"ט. וראה גם קונט' העבודה ע' 32־3.

גייסות": דער מס"נ איז ניט קיין ענין בפני עצמו, ער איז בלויז דער "ראש" וואָס פירט אָן מיט די כחות פנימיים. דערנאָך אָבער קומט מען צו אַ העכערע מדריגה — התעוררות בחי' חי' יחידה כמו שהם בפני עצמם — פלוגה בפני עצמה [65].

יג. די צוויי מדריגות זיינען ב־דוגמת די צוויי בחינות שלג און צמר וועלכע זיינען מבואר אין לקו"ת פון היינטיקער סדרה [66]:

ביידע — סיי "שלג" סיי "צמר" — זיינען למעלה מהשתלשלות. אָבער אעפ"כ איז דאָ אַ חילוק צווישן זיי: אין בחי' שלג איז פאַראַן קצת תערובת דין. וואָס דערפאַר איז יו"כ, וואָס אין אים איז מאיר בחי' שלג, ווערט אָנ־גערופן יום הדין והמשפט. משא"כ בחי' צמר איז אַ העכערע מדריגה, וואָס אין איר איז כלל ניטאָ קיין תערובת דין. וואָס דאָס איז מאיר בחג הסוכות.

איז די צוויי מדריגות הנ"ל — "ראשי גייסות" און פלוגה בפני עצמה — זיינען בדוגמת די צוויי בחינות שלג און צמר: ראשי גייסות — דוגמת שלג, און פלוגה בפ"ע — דוגמת צמר.

און דאָס איז אויך די שייכות פון דער לעצטער רש"י שבפרשת דברים — "הם היו הולכים לפני ישראל למלחמה", צו תחילת הסדרה — "אלה הדברים אשר דיבר משה גו'", דברי תוכחות:

בתחילת הסדרה דערמאָנט ער "כל המקומות שהכעיסו לפני המקום" ביז צו "ודי זהב — העגל שעשו בשביל רוב זהב" [67], וואָס דערפון איז שפּע־טער אַרויסגעקומען דער גלות. וואָס דערפאַר לייענט מען אַלע מאָל פּרשת דברים אין דעם שבת שלפני ת"ב (אָדער אין ת"ב גופא, כשחל בשבת).

איז אויף דעם זאָגט ער בסוף ה־סדרה דעם תיקון לזה: אַז דער וועג צו פּטור ווערן פון דעם גלות וכו' איז התעוררות (בחי' גד [68] שבנפש) כח המס"נ (אויך) כמו שהוא בפני עצמו — "הולכים לפני ישראל למל־חמה" — בחי' המקיף שבנפש ווי ער איז ניט מלובש כלל אין כחות פּני־מיים, וואָס דאָס וועט במילא מעורר זיין דעם מקיף שלמעלה, בחי' צמר המאיר בסוכות, דעם "ופרוש עלינו סוכת שלומך", וואָס וועט מאיר זיין בגאולה העתידה, דורך משיח צדקנו, בקרוב ממש.

(משיחת ש"פ דברים, ת"ב נדחה [69], תשכ"ה)

---

65) ראה לעיל סעיף ט ואילך שהענין ד"לפני אחיכם" — פלוגה בפ"ע — נתחדש ע"י מה שהכניסה לארץ היתה ע"י יהושע. והביאור בזה בפנימיות הענינים: בזמן הגלות [הבא בגלל שהכניסה לארץ היתה לא ע"י משה (ראה אוה"ת ואתחנן ע' סה ובהנסמן שם)], אז דוקא צריך ומתעורר אמיתית הענין דמס"נ, כמבואר בסה"מ תש"ט שם. ובכ"מ.

66) א, ד.

67) פרשתנו א, א. פירש"י שם.

68) ראה ב"ר פצ"ט, יא: אין זה מביא את הגאולה אלא מגד — הובא ונתבאר באוה"ת ויחי שפג, סע"ב.

69) ראה מגילה ו, ב: הואיל ונדחה ידחה. וראה סה"ש קיץ ה'ש"ת ע' 157. לקו"ש חלק לג י"ז תמוז (תשמ"ח).

# דברים ב

א. צווישן די ענינים מיט וועלכע די הפטרה „חזון ישעי׳״ איז ענלעך צו דער סדרה דברים — איז:

די נבואה פון חזון ישעי׳ באַשטייט פון שטראָף־רייד צו די אידן — אָבער פונדעסטוועגן (ווייל די כוונה דערפון איז ניט די תוכחה פאַר זיך, נאָר ווי ער זאָגט אין דער הפטרה גופא, אַז דער „לכו נא ונוכחה״ איז צוליב דעם וואָס „אם יהיו חטאיכם כשנים כשלג ילבינו וגו׳״, דערפאַר) איז דער סיום וחותם ההפטרה מיטן ענין הגאולה — „ציון במשפט תפדה ושבי׳ בצדקה״ [1];

אַזוי געפינט מען דאָס אויך אין פ׳ דברים, אַז הגם די פרשה באַשטייט פון „דברי תוכחות״ [2], רעדט זיך אָבער אין איר סיום וחותם וועגן דער כניסה לארץ ישראל — „לא תיראום כי ה׳ אלקיכם הוא הנלחם לכם״.

ב. די דברי תוכחות וואָס משה רבינו האָט געזאָגט די אידן אין הייניטיקער סדרה טיילן זיך אין צוויי סוגים: תוכחות וואָס משה האָט זיי ניט מפרש געווען נאָר בלויז אָנגעמערקט ברמז, און תוכחות וואָס ער האָט אַרויסגעזאָגט בגילוי ובפירוש [3].

אויך אין דער כניסה לא״י וועגן וואָס עס רעדט זיך אין סיום הסדרה, זיינען דאָ צוויי ענינים: די כניסה לא״י גופא (מעבר הירדן מערבה), און „ושבתם איש לירושתו אשר נתתי לכם״ אין עבר הירדן (מזרחה), וואָס איז תלוי אין דעם קיום התנאי פון „חלוצים תעברו . . יניח ה׳ לאחיכם ככם וירשו גם הם את הארץ אשר ה׳ אלקיכם נותן להם בעבר הירדן״ [4].

און אויך אין דעם זעט מען אַ דמיון פון דער הפטרה מיט דער סדרה: אויך אין דעם „לכו נא ונוכחה״, אין די תוכחות פון דער הפטרה, זיינען דאָ צוויי סוגים: תוכחות אויף איין סוג עבירות — „אם יהיו חטאיכם כשנים״ (וואָס דורך דער תוכחה — „כשלג ילבינו״), און תוכחות אויף נאָך אַ סוג עבירות — „אם יאדימו

---

1) להעיר מרשימות הצ״צ לאיכה ע׳ 45 (אוה״ת לנ״ך ח״ב ע׳ א׳צז): „ומחזון ותחזינה עינינו כו׳״. וראה גם מאמר הרל״צ מבאַרדיטשוב (נעתק בהערות שם) שבשבת חזון „מראין לכאו״א המקדש דלעתיד מרחוק כו׳״ (נתבאר לקמן ע׳ 24 ואילך. לקו״ש חכ״ט ע׳ 18 ואילך. ועוד).

וי״ל, שזוהי גם השייכות ד„חזון ישעי׳״ ל„חזון עובדי׳״ (ראה ילקו״ש ישעי׳ רמז שפה) — כי מחזון (ישעי׳) „קשה מכולן״ לישראל, באים לחזון עובדי׳ — קשה מכולן לאדום.

2) שהם בדומה להתוכחות ד„חזון״ השייכות להחורבן — ראה של״ה חלק תושב״כ (שסז, א). וראה גם כלי יקר ריש פרשתנו ד״ה בין פארן ובין תפל.

3) ראה אוה״ת פרשתנו ס״ע יא ואילך.

4) ויתירה מזו: גם זה שעבר הירדן נעשה חלק מארץ ישראל, הוא ע״י „וירשו גם הם את הארץ גו׳״. שהרי באם לא הי׳ משה מנחיל ארץ סיחון ועוג לבני גד ובני ראובן, לא היתה מכלל א״י (גו״א ר״פ ואתחנן. ראה בארוכה לעיל ע׳ 9 ובהערה 39) — והרי נחלת ארץ סיחון ועוג לב״ג וב״ר תלוי׳ בהתנאי ד„חלוצים תעברו גו׳ עד אשר יניח גו׳״. וראה הגהות הרש״ש לבמדב״ר פ״ז, ח.